**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון ערשט-קלאסיגע וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער

***צענטער, ערשטע פון די סארט, וועט העלפן מאכן באשלוסן בעפאר, דורכאויס און נאך שווערע וועטערס***

***יערליכע אינוועסטירונג פון 1.5 מיליאן דאלאר וועט פארבעסערן קאמוניקאציעס איבער שווערע וועטער ריזיקעס פאר די פובליקום***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון ניו יארק'ס "סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער" אין אלבאני אוניווערסיטעט, א צוזאמענארבעטנדע אפעראציע – די ערשטע פון די סארט – צווישן אוניווערסיטעט פארשער און סטעיט עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן. דורך א יערליכע 1.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, וועט די צענטער דינען צו פארשפרייטן קריטישע וועטער אינפארמאציע און צו אויפקומען מיט נייע כלים צו העלפן עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן מאכן קלוגערע צייט-קריטישע באשלוסן צו באשיצן קאמיוניטיס. די צענטער וועט אויך איבערקוקן די וועגן וויאזוי די סטעיט און אירע שותפים קאמוניקירן די ריזיקעס פון עקסטרעמע וועטערס צו די פובליקום און וויאזוי צו פארבעסערן די מעסעדזשעס.

"ניו יארקער ווייסן צו גוט אז קלימאט טויש האט פאראורזאכט מער אפטע, אינטענסיווע און אומפאראויסגעזעהענע שטורעמס אריבער אונזער סטעיט, און מיר דארפן אויפקומען מיט שעפערישע געדאנקען אונז צו העלפן זיך אפרופן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר שטייען אויס די סכנה פון עקסטרעמע וועטערס, בין איך שטאלץ צו עפענען ניו יארק'ס וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער צו פארשטערקערן אונזער גרייטקייט און העלפן גיבן די נויטיגע אינפארמאציע פאר ניו יארקער בעפאר, דורכאויס און נאך עמערדזשענסיס."

נעמליך וועט די צענטער'ס ארבעט צוזאמשטעלן פארשאצונגען פון א הויכע קוואליטעט צוגעשטעלט דורך די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service, NWS) און צוגאבליכע אינפארמאציע פון די ניו יארק סטעיט Mesonet מיט אינפארמאציע פון די שטח איבער קריטישע אינפראסטרוקטור, און אזוי אויך וועט די צענטער אויפקומען מיט נייע פראדוקטן וואס העלפן מאכן באשלוסן געאייגנט פאר די ספעציפישע באדערפענישן פון עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן. צום ביישפיל, דורכאויס די מאסיווע סעפטעמבער שטורעם וואס האט אראפגעלאזט מער פון זיבן אינטשעס פון רעגן אין ניו יארק סיטי אין בלויז 24 שעה, וואלט די צענטער געקענט מאכן לעבעדיגע מאפעס מיט אינפארמאציע קומענדיג פון פארגעשריטענע וועטער נאכפאלגונג סיסטעמען איבער די סיטי'ס סוער אינפראסטרוקטור און קאפאציטעט צו העלפן אנווייזן פונקטליך וואו און וויאזוי פארפלייצונגען וועלן ווארשיינליך געשעהן און ווען עוואקואציעס קענען מעגליך זיין נויטיג. אין צוגאב, בעפאר אדער נאך א שטורעם, וועט די צענטער נאכפאלגן פארשאצונגען און Mesonet אינפארמאציע כדי צו מאכן מאפעס פון די טעמפעראטורן אויף די

אויבערפלאך פון די שאסייען לאזנדיג וויסן וויאזוי צו פלאנירן דאס שיטן זאלץ און אנדערע צוגרייטונגען אויף די שאסייען.

די צענטער'ס הילף וועט נישט זיין געאייגנט בלויז פאר עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן אויף די סטעיט שטאפל. אירע מיטלען און מומחיות'שאפט וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר אנדערע רעגירונג קערפערשאפטן אין ניו יארק וואס דארפן שטיצע ביים מאכן וועטער-פארבינדענע באשלוסן, אריינרעכענענדיג, צום ביישפיל, סקול מענעדזשערס וואס דארפן אינפארמאציע צו באשליסן אויב די סקול זאל פארשפארט ווערן.

אין צייטן ווען עקסטרעמע וועטער ווערט נישט פארגעשאצט, וועט די SWRCC ארבעטן פון די נאענט מיט די סטעיט צו אפערן עמערדזשענסי וועטער טרענירונג אוןווארקשאפס, און אזוי אויך אנגרייטן אנאליזן וואס קוקן איבער פארגאנגענע וועטער עמערדזשענסיס צו זעהן וויאזוי די סטעיט און אירע שותפים האבן קאמוניקירט איבער די ריזיקעס אין פארבינדונג מיט די עקסטרעמע וועטער.

**אלבאני אוניווערסיטעט פרעזידענט, האווידאן ראדריגעז, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארקער קאנפראנטירן מער אפטע עפיזאדן פון עקסטרעמע וועטער צוליב א קלימאט וואס טוישט זיך, איז דאס אן עהרע פאר אלבאני אוניווערסיטעט צו ארבעטן בשותפות מיט ניו יארק סטעיט צו זיכער מאכן אז די מומחיות'שאפט פון אונזערע וועטער און קלימאט פארשער איז פולשטענדיג אפן פאר די עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן און ערשטע הילף מאנשאפטן וועלכע זענען באאויפטראגט מיטן באשיצן לעבנס און פארמעגן. די עפענונג פון די סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער איז צו באדאנקען פאר גאווערנער האקול'ס פאראויס-קוקנדע צוגאנג צו ריזיקעס וועלכע ווערן אנגעברענגט דורך קלימאט טויש, א מוסטער פאר וויאזוי אוניווערסיטעטן קענען זיך באנוצן מיט פארשונג פאר פראקטישע צוועקן און א קריטישע טריט אין ריכטונג פון בויען א זיכערערע, מער אינפארמירטע און מער שטאנדהאפטיגע ניו יארק."

**סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער דירעקטאר, ניק בעסיל, האט געזאגט,** "ניו יארק פארמאגט שוין די באשטאנדטייל וואס זענען נויטיג אונז צו מאכן פאר א נאציאנאלע פירער ביים אריינבויען וועטער אינפארמאציע אין אונזערע טאג-טאגליכע באשלוסן, און איך בין מער פון באגייסטערט דאס צו העלפן ערמעגליכן דורך אונזער סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער. מיר וועלן ארויפבויען אויף די אויסגעצייכנטע סערוויס פון די נאציאנאלע וועטער סערוויס און ארבעטן האנט ביי האנט מיט אונזערע סטעיט שותפים אין עמערדזשענסי פארוואלטונג, טראנספארטאציע און ענערגיע זיי צו גיבן די אינפארמאציע וואס זיי דארפן בעפאר, דורכאויס און נאך א שטורעם. גלייכצייטיג וועלן געזעלשאפטליכע וויסנשאפטלער און סאפטווער דעוועלאפערס בויען בעסערע כלים און קאמוניקאציע סטראטעגיעס. דאס געפונענדיג זיך אין די אלבאני אוניווערסיטעט לאזט אונז אויך טרענירן דעם קומענדיגן דור פון עקספערטן דורכן אריינבויען א פעסטע סטודענט אינטערנשיפ פראגראם."

**ניו יארק סטעיט היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אזוי ווי קלימאט טויש זעצט פאר צו מאכן עקסטרעמע וועטער אפטער און מער אינטענסיוו, טוהען מיר, אין ניו יארק סטעיט, פארשטערקערן אונזער גרייטקייט, אפרופונג מעגליכקייטן און שטאנדהאפטיגקייט צו נאכקומען די וויכטיגקייט פון דעם מאמענט. א דאנק גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אויף גרייטקייט און עמערדזשענסי אפרופונג, די מומחיות'שאפט פון אונזערע שותפים ביי די אלבאני אוניווערסיטעט און אונזער אנגייענדע שותפות מיט די נאציאנאלע וועטער סערוויס — וועט די נייע צענטער נישט נאר העלפן אונז מאכן די בעסטע באשלוסן בשאלוסן דורכאויס עקסטרעמע וועטערס, נאר מער קריטיש וועט דאס אונז העלפן טרעפן וועגן צו בעסער קאמוניקירן די ריזיקעס פון די וועטער מיט די פובליקום."

די צענטער וועט זיין באזירט אין אלבאני אוניווערסיטעט'ס ETEC געביידע וואס איז די היים צו די לאנד'ס גרעסטע גרופע פון אטמאספערישע און קלימאט פארשער, אריינרעכענענדיג די NWS און אלבאני אוניווערסיטעט'ס אטמאספערישע וויסנשאפטן פארשונג צענטער. אין צוגאב צו דאס ווערן פלאצירט אויף א סטראטעגישן אופן נעבן די NWS'ס אלבאני אפיס, וועט די צענטער אויך אויסנוצן עטליכע עקזיסטירנדע מיטלען אינערהאלב ETEC, אריינרעכענענדיג:

- די xCITE (עקסטרעמע צוזאמענארבעט, ערפינדונג און טעכנאלאגיע / ExTREME Collaboration, Innovation, & Technology) לאבארעטאריע, אן ערשט-קלאסיגע דאטא און וויזואלע אנאליטיק צענטער וואס וועט דינען אלס אן אפעראציע באזע פאר די צענטער דורכאויס שווערע וועטערס;
- די ניו יארק סטעיט Mesonet – די מערסט פארגעשריטענע סטעיט-ברייטע וועטער נעטווארק אין דאס לאנד – וואס אלבאני אוניווערסיטעט האט געבויט און האלט אויף ארויס פון ETEC פאר די טובה פון די סטעיט; און
- פארבינדענע מומחיות'שאפט אין אלבאני אוניווערסיטעט'ס קאלעדזש פאר עמערדזשענסי גרייטקייט, היימלאנד זיכערהייט און סייבער-סעקיוריטי.

די יערליכע 1.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך ניו יארק סטעיט וועט פינאנצירן אומגעפער 10 פול-טיים פאסטנס, שעה'דיגע סטודענט באשעפטיגונג און אינטערנשיפ געלעגנהייטן, און אזוי אויך ארבעט מיט די Mesonet צו אויפקומען מיט נייע דאטא רעכענונג פראדוקטן און צו איינקויפן עקוויפמענט פאר די צענטער'ס אפעראציעס.

די סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער וועט אפערירן אין פאראלעל מיט א 3 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט פארזיכערט דורך די אוניווערסיטעט צו אויסצאלן דעם 'איינשפאנונג פון מעסאָונעטס פאר עמערדזשענסי גרייטקייט און אפרופונג אין עקסטרעמע וועטער' ( Exploitation of Mesonets for Emergency Preparedness and Response in Weather Extremes, EMPOWER) פראיעקט.

אלס א שותפות צווישן אלבאני אוניווערסיטעט'ס אטמאספערישע וויסנשאפטלער און קאלעדזש פון עמערדזשענסי גרייטקייט, היימלאנד זיכערהייט און סייבער-סעקיוריטי — זוכט EMPOWER וועגן צו אויסנוצן בשעת-מעשה'דיגע דאטא פון די ניו יארק סטעיט Mesonet און אנדערע פארגעשריטענע נאכפאלגונג סיסטעמען צו שאפן א רייע פון נייע שטיצענדע כלים וועס זענען אויסגעשטעלט פאר עמערדזשענסי פארוואלטונג אויטאריטעטן, ערשטע הילף מאנשאפטן און אנדערע וויכטיגע רעגירונג און פריוואטע פארמישטע קערפערשאפטן. דער פילאט פראיעקט וואס ווערט געשטיצט דורך די פאראייניגטע שטאטן היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט'ס 'וויסנשאפט און טעכנאלאגיע דירעקטאראט' וועט דינען אלס א ראיאנישע פראבע צו איבערקוקן די פאטענציאל פון זיך באנוצן מיט 'ביג דאטא' שיטות צו פארבעסערן די תוצאות פון עמערדזשענסי פארוואלטונג אריבער דאס לאנד. דורך די SWRCC וועלן ניו יארקער זיין פון די ערשטע צו בענעפיטירן פון די פארשונג פארשריט עררייכט אונטער EMPOWER.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418